**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/14/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול דעקט אויף נייע באריכט איבער חילוק צווישן מענער'ס און פרויען'ס געהאלטן אין ניו יארק אין אנערקענונג פון גלייכע באצאלונג טאג**

***באריכט געפונט אז ניו יארק איז א נאציאנאלע פירער ביים עלימינירן די אונטערשייד צווישן מענער'ס און פרויען'ס געהאלטן, אריינרעכענענדיג מיט פאליסי רעקאמענדאציעס נאך מער צו פארקלענערן די אונטערשייד***

***בויט ארויף אויף גאווערנער'ס צוזאג צו שטופן פאר דזשענדער גלייכקייט אין ניו יארק'ס ארבעטסקראפט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז א נייע באריכט איז פארעפנטליכט געווארן דורך די ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט (Department of Labor, DOL) איבער די חילוק צווישן מענער'ס און פרויען'ס געהאלטן אין די סטעיט — די 'וועידזש געפ'. די נייע באריכט כאפט א נייע בליק אויף די DOL'ס געפונסן אין איר שטודיע אין 2018 אין דעם נושא, בשעת'ן אויך אונטערזוכן די השפעה פון די קאוויד-19 פאנדעמיע אויף די הויפט גורמים וועלכע זענען אויף א טראדיציאנאלן אופן פארבינדן מיט די חילוק אין די געהאלטן, און עס מאכט עטליכע פאליסי רעקאמענדאציעס געציהלט צו אדרעסירן די פארשפרייטע פראבלעם. די אנאנס קומט אין צייט פאר 'גלייכע באצאלונג טאג' וואס ווערט אפגעהאלטן אום מערץ 14 — די טאג ביז ווען פרויען מוזן ארבעטן צו 'משלים זיין' פאר די פארגאנגענע יאר צו באקומען באצאלט וויפיל מענער זענען באצאלט געווארן.

"די באריכט אפפערט א וויכטיגע בליק אויף ניו יארק'ס אנגייענדע קאמף פאר גלייכע באצאלונג, און עס שטעלט פאר א פלאן צו העלפן אונזער סטעיט עלימינירן די דזשענדער 'וועידזש געפ' איינמאל פאר אלעמאל", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "צופיל פרויען אין די ארבעטסקראפט ווערן נאכאלץ צוריקגעוויזן גלייכע באצאלונג פאר גלייכע ארבעט, און אלץ ניו יארק'ס ערשטע פרוי גאווערנער, בין איך אנטשלאסן צו פאררעכטן די זאכן. מיין אדמיניסטראציע איז פולשטענדיג איבערגעגעבן צו עלימינירן די דזשענדער 'וועידזש געפ', באזונדערס פאר איינצלנע מאמעס און פאר פרויען פון מינאריטעטן וועלכע ווערן אפעקטירט מער פון אנדערע, ווייל בעסערע ארבעטס אומשטענדן פאר פרויען מיינט א שטערקערע, מער יושר'דיגע עקאנאמיע פאר יעדן."

געפונסן פון די נייע באריכט ווייזן אן אז טראץ די חילוק צווישן מענער'ס און פרויען'ס געהאלטן אין ניו יארק איז די צווייט-קלענסטע אין די פאראייניגטע שטאטן, האבן פרויען אין ניו יארק נאכאלץ פארדינט בלויז 88 צענט פאר יעדע דאלאר וואס מענער האבן פארדינט אין 2021. איבער א 40-יאריגע קאריערע, קאסט אזא חילוק אפ פאר א פרוי 350,360$ אין וויניגער פארדינסטן איבערן לעבן. די חילוק איז נאך גרעסער פאר פרויען פון מינאריטעטן. אין פארגלייך צו ווייסע, נישט-היספאנישע מענער, ווערן טונקל-הויטיגע אדער אפריקאנע-אמעריקאנע פרויען באצאלט 68 צענט פאר א דאלאר אין די צייט וואס היספאנישע און לאטינא פרויען ווערן באצאלט בלויז 63 צענט פאר יעדע דאלאר.

די באריכט געפונט אויך אז די אריבערגאנג צו לערנען פונדערווייטנס און אפשליסונגען פון טשיילד קעיר פלעצער צוליב די פאנדעמיע האבן פארגרעסערט די ערנסטע השפעה וואס די צוטריט צו טשיילד קעיר – וואס איז שוין פון לאנג א גרויסע פראבלעם פאר פרויען וואס ארבעטן – האט אויף די חילוק אין די געהאלטן. מיט מאמעס טראגענדיג די גרעסטע לאסט פון די אחריות זיך אפצוגעבן מיט די קינדער איז די ארבעטסקראפט באטייליגונג ראטע פון פרויען אין ניו יארק געפאלן פון 59.3 פראצענט צו 58.9 פראצענט פון 2019 ביז 2021, און די ארבעטסלאזיגקייט ראטע האט זיך כמעט געטאפלט פון 4.2 פראצענט צו 8.2 פראצענט. אין 2021 זענען איבער 405,000 פרויען געווען ארבעטסלאז, א באדייטנדע וואוקס פון די 207,000 אין 2019. די באריכט מערקט אן אז ארויסגיין פון די ארבעטסקראפט אפילו פאר א צייטווייליגע תקופה קען האבן באדייטנדע לאנג-טערמיניגע פינאנציעלע השפעות.

ארבעטן פונדערווייטנס האט געהאלפן טייל פרויען און פאמיליעס זיך צו קענען אפגעבן מיט די קינדער בשעת'ן ארבעטן, אבער נישט אלע פרויען. כמעט צוויי דריטלעך פון די סטעיט'ס וויכטיגע 'עסענטשעל' ארבייטער אויף די פאדערשטע ליניעס זענען געווען פרויען – הויפטזעכליך פרויען פון מינאריטעטן – פאר וועם ארבעטן פונדערווייטנס איז נישט געווען קיין אפציע.

**ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט קאמישאנער, ראבערטא ריערדאן, האט געזאגט,** "אין לעצטיגע יארן האבן מיר געמאכט באדייטנדע פארשריט מיטן אדרעסירן די אומגלייכקייטן אין באצאלונג פאר פרויען אין ניו יארק סטעיט, טראץ דעם וואס די פאנדעמיע האט געהאט אן אומגלייכע השפעה אויף פרויען, באזונדערס איינצלנע מאמעס און מינאריטעטן. גאווערנער האקול זעצט פאר צו זיין א קעמפערין פאר דעם נושא, און איך בין דאנקבאר פאר איר שותפות צו פארזיכערן פארשריט מיטן עלימינירן די חילוק צווישן מענער'ס און פרויען'ס געהאלטן."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון מענטשן רעכטן (Department of Human Rights) קאמישאנער, מאריא אימפעריעל, האט געזאגט,** "פרויען'ס רעכטן זענען מענטשן רעכטן. מיר זענען מזל'דיג צו וואוינען אין א סטעיט וואס איז נישט נאר די וויגל פאר די פרויען'ס רעכטן באוועגונג נאר א סטעיט וואס איז אויך געשטאנען אויפן פראנט אין די קאמף פאר גלייכקייט און גערעכטיגקייט פאר יעדן. די דיוויזיע פון מענטשן רעכטן וועט נוצן יעדע כלי וואס שטייט איר צום האנט צו אויפדעקן דיסקרימינאציע קעגן פרויען ביי די ארבעטספלאץ און האלטן ארבעטסגעבער פאראנטווארטליך."

די באריכט רעכנט אריין עטליכע פאליסי רעקאמענדאציעס צו ארויפבויען אויף די סטעיט'ס שטופ אין די ריכטונג פון מער באצאלונג גלייכקייט. טייל פון די הויפט רעקאמענדאציעס רעכענען אריין:

- **העכערן באצאלונג פאר ארבייטער פאר א נידעריגע געהאלט**, אריינרעכענענדיג דורך פארשלאגן ווי דאס מאכן אז די ניו יארקע מינימום געהאלט זאל זיין געקניפט און געבינדן מיט אינפלאציע;
- **פארברייטערן באצאלטע אורלויב פאר עלטערן צו יוניאן-פארטראטענע סטעיט ארבעטסקראפט;**
- **פארמערן באקאנטשאפט מיט די ניו יארק סטעיט גלייכע רעכטן אמענדמענט**, וואס וועט צולייגן נייע אנטי-דיסקרימינאציע באשיצונגען צו די ניו יארק סטעיט קאנסטיטוציע;
- **פארבעסערן זאמלונג פון אינפארמאציע איבערן סטעיט** צו בעסער פארשטיין באשעפטיגונג נייגונגען און אנטוויקלונגען און צו פארמערן די אפנקייט; און
- **מאדערניזירן די דעפארטמענט פון ציווילע סערוויס טעסטינג מאדעל** דורכן אפפערן אלע סטעיט בחינות אויף די אינטערנעט און אין יעדע צייט.

די לעיבאר דעפּארטמענט וועט אויך אונטערנעמען עטליכע איניציאטיוון צו שטיצן די ציהל פון באצאלונג גלייכקייט:

- נאכפאלגן די סטעיט'ס חילוק צווישן מענער'ס און פרויען'ס געהאלטן און פארעפנטליכן יערליכע אפּדעיטס אויף די דעפּארטמענט'ס נייע דזשענדער 'פּעי געפּ' אינטערנעט צענטער;
- אויפקלערן ארבעטסגעבער איבער נייע באצאלונג אפנקייט געזעצן און פארזיכערן אז זיי ווערן אינפארסירט אויף א צופרידנשטעלנדן פארנעם;
- פארמערן באקאנטשאפט מיט עפנטליכע ציפערן און אינפארמאציע איבער דזשאב טיטלען און באצאלונג;
- ארבעטן אויף און ארויסקומען מיט אן אויפמערקזאמקייט קאמפּיין איבערן סטעיט איבער אורלויב פאר טאטעס;
- לייגנדיג אלץ פריאריטעט דאס פארבינדן פרויען מיט דזשאב טרענירונג געלעגנהייטן אין די גרינע עקאנאמיע אלץ טייל פון די פארגעשלאגענע 'אפיס פון יושר'דיגע ענערגיע אריבערגאנג' (Office of Just Energy Transition); און
- אנטוויקלען נאך מיטלען פאר ביזנעסער.

די באריכט בויט ארויף אויף גאווערנער האקול'ס אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו קעמפן פאר פרויען'ס גלייכקייט. זינט זי איז אריין אין אפיס, האט די גאווערנער אריבערגעפירט פיאנירנדע געזעצן צו באשיצן פרויען'ס רעכטן ביים האבן קינדער, זי האט אנאנסירט די גרעסטע אינוועסטירונג אין טשיילד קעיר אין היסטאריע פון די סטעיט, זי האט אריבערגעפירט א באצאלונג אפנקייט געזעץ איבערן סטעיט צו ברענגען אן ענדע צו פארשפרייטע חילוקים אין די געהאלטן פון פרויען און מענטשן פון מינאריטעטן, און זי האט אונטערגעשריבן וויכטיגע היסטארישע געזעצן צו באפולמעכטיגן איבערלעבער פון סעקסועלע געוואלדטאט און טשעפּערייען. גאווערנער האקול'ס לעצטיגע פארשלאג צו העכערן די מינימום געהאלט יערליך דורכן עס צופאסן צו אינפלאציע וועט זיין א שטופ אויף ארויף פאר 900,000 ארבייטער — די מערהייט פון וועלכע זענען פרויען.

ניו יארק סטעיט האט אונטערגענומען אסאך שריט צו פאראויס רוקן גלייכקייט אין באצאלונג אין לעצטיגע יארן, אריינרעכענענדיג דאס דורכפירן א געהאלט היסטאריע פארבאט וואס פארבאט אלע ארבעסטגעבער צו פרעגן צוקונפטיגע אדער יעצטיגע ארבייטער איבער וויפיל זיי זענען באצאלט אדער פארגוטיגט געווארן אין די פארגאנגענהייט. די NYSDOL האט אויך אומזיסטע הילפס-מיטלען צו העלפן אלע וועלכע זוכן דזשאבס, אריינרעכענענדיג אן אנווייזונג ביכל וויאזוי צו פארהאנדלען איבער די געהאלט צו העלפן ניו יארקער ארויסנעמען די מערסטע פון זייער כוח צו פארדינען.

צו זעהן די "The Gender Pay Gap in the Pandemic Era" (די חילוק צווישן מענער'ס און פרויען'ס געהאלטן אין די פאנדעמיע עפאכע) באריכט, באזוכט די דזשענדער פּעי געפּ צענטער וואו די לעצטע מיטלען פאר ביזנעסער און ארבייטער וועלן ארויפגעלייגט ווערן.

###